

# לא תלבש שעטנז

**הרה"ג ר' יוסף סייאג שליט"א פון עיר התורה לעיקוואד טיילט מיט די היסטאריע פון "בית דין לעניני שעטנז" וועלכער ער האט געגרינדעט 22 יאר צוריק און האט שוין זינט דאן אוועקגעשטעלט "200 שעטנז לאבאראטאריעס" אין צענדליגער לענדער איבער דער וועלט!**

י.ח.פ.



## פארווארט:

ווען מ'ליינט די וואך אין דער סדרה איבער דער לאו פון שעטנז "לא תלבש שעטנז צמר ופשתים וגו'" שטעלן מיר פאר א שמועס אפגעהאלטן מיט דעם חשוב'ן מזכה את הרבים ומפרישן מן החטא, הרה"ג ר' יוסף סייאג שליט"א, פון עיר התורה לעיקוואד, וועלכער האט געגרינדעט דעם "בית דין לעניני שעטנז" אין לעיקוואד, שמשם תצא הוראה והדרכה בעניני שעטנז לכל העולם.

כהיום יום, כמעט וואו אימער עס פונקציאנירט א שעטנז לאבאראטאריע, אדער עמיצער וועלכער איז באהאוועוט מיט די הלכות ומומחיות בעניני בדיקת שעטנז, איז דאס א פרי יוצר מבין כותלי הבית דין תחת נשיאותו פון רבי יוסף שליט"א. אויסער'ן געבן שימוש פאר תלמידים הגונים, רייזט ער זעלבסט ארום בטירחא דגופא, אפי' ביז'ן ווייטן איראן, ווענעזועלע, דייטשלאנד, און אויסטראליע, אוועקצושטעלן בתי הוראה והשגחה לעניני שעטנז.

וועלמיר זיך אצינד נענטער באקענען מיט דעם לשכת הבי"ד, און ווי אזוי עס ווערט דערפון אוועקגעשטעלט תלמידים הגונים לאפרושי מאיסורא דשעטנז, אויסער וואס דאס שטיבל דינט זעלבסט אלס צענטראלע שעטנז לאבאראטאריע אין עיר התורה לעיקוואד.

## פראגע: צוערשט, וואס האט אייך געברענגט זיך ארייצולאזן אין דעם שעטנז געביט?

ענטפער: עס איז געווען פאר ארום 22 יאר צוריק, ווען כ'האב אנגעהויבן צו טון אין דעם נושא, אנערקענענדיג אז ס'פעלט דערין א ידיעה ביים ציבור. סיי ס'איז געווען א צורך מעורר זיין דעם ציבור צו געבן בודק זיין די נייע בגדים וואס מ'קויפט, ווי די טרוקענע הלכה אין שו"ע איז, און סיי אוועקצושטעלן בודקים און שעטנז לאבאראטאריעס וועלכע זאלן זיך באפאסן מיט די בדיקות כדת וכהלכה. האמיר אינאיינעם מיט'ן שותף לדבר מצוה הרה"ג ר' יואל שוחט שליט"א, געגרינדעט דעם בי"ד לעניני שעטנז.

## פראגע: הייסט פאר איר האט געטון דערין, זענען נישט געווען בודקים?

ענטפער: ס'איז געווען עפעס, אבער גאר וויניג, נישט לויט'ן געברויך. אפי' די וואס האבן יא געקענט בודק זיין, האבן אבער נישט ווייטער אויסגעלערנט דעם סדר ואופן הבדיקה, און נישט מעמיד געווען תלמידים.

נאך עפעס. לויט ווי עס פסק'ענט הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל (שו"ת ח"י סי' קפ"ה), איז ביי יעדן ארט אין בגד וואו מ'האט אמאל געפונען שעטנז, איז דאס א "גריעותא", מ'מוז ביי יעדן אזא בגד בודק זיין דעם ארט פון שעטנז. ביי רעקלעך, האמיר שוין ביז היינט געפונען 50 פלעצער וואו ס'איז געווען שעטנז. וועגן דעם האמיר א לוח מיט די פונקטליכע 50 ערטער וואו א רעקל איז "מחויב" בדיקה לויט'ן פסק פונעם שבט הלוי. (ביי א קאסטום-מעיד רעקל איז פארהאן מער ערטער). די זעלבע איז ביי יעדן סארט בגד, האמיר א לוח וואו מיר צייכענען אויף וואו מ'האט שוין אמאל געפונען ביי אזא סארט בגד שעטנז, און מ'איז בודק אין די אלע פלעצער.

די סדר הבדיקה אין פארגאנגענהייט איז נישט צוגעגאנגען אזוי. זיי האבן געהאט די פאר פלעצער וואס מ'האט חושש געווען אז ס'קען זיך ארייכאפן שעטנז, און ביי דעם האט זיך עס געענדיגט.

## פראגע: איידער מיר גייען ווייטער איבער אייערע ראלעס. וויפיל סארט פעדימער זענען פארהאן?

ענטפער: ס'איז איינגעטיילט אין 3 קאטעגאריעס.

"צמחים" פון זאכן וועלכע וואקסן, דאס נעמט אריין פשתן (לינען), קנבוס (אין ענגליש: hemp), צמר גפן (קאטען). "באשעפענישן" אזוי ווי שאף, ציגן, און פארשידענע בהמות וחיות פון וואס מ'באנוצט זיך מיט זייער וואל פאר פאדעם מאטעריאל. נאכדעם איז דא "סינטעטישע" פעדעמער, וואס מ'ארבעט אויס פון פארשידענע אוילן - בעיקר פון פאליעסטער, ניילאן - און פון אנדערע מאטעריאלן. אין די צייטן ווען אויל איז ביליג, זענען טאקע אזעלכע סארט בגדים ביליג.

אז ס'ווערט אויפגענייט וואל און לינען צוזאמען, איז דאס שעטנז, און פארדעם זעמיר דא, בודק זיין די בגדים, און ארויסנעמען דעם שעטנז, אז מ'טרעפט.

## פראגע: איר האט פריער דערמאנט אז ביי א רעקל איז דא 50 פלעצער וואו מ'איז בודק, ברויך דאך נעמען גאר לאנג איין בגד בודק צו זיין?

ענטפער: קודם, מ'קוקט נישט דורך דעם גאנצן ארט, אז מ'קוקט אויף איין חלק, איז דאס א באווייז אויף די איבריגע אז ס'איז גוט. והשנית, א בדיקה גייט צו מיט א "טביעות עין". פון גרויס עקספערטיז קען מען דערקענען מיט א בלויזן קוק אויפ'ן בגד וועלכע פאדעם ס'ענטהאלט, און אויף דעם קען מען אויפכאפן שעטנז. ווען ס'איז די רעדע פון א קאמפליצירטע פאדעם, א קאמבינאציע פון עטליכע סארטן אויפאמאל - וואס אין היינטיגן טעכניק איז עס גאנץ גאנגבארער - דאן באנוצט זיך מיט'ן מיקראסקאפ.

## פראגע: פעלט דען אויס בודק צו זיין א בגד ווען מ'קויפט דאס ביי א איד?

ענטפער: א פראגע? אוודאי. דאס לשון אין שו"ע איז (יו"ד סימן ש"ב ס"ב) "הלוקח כלי צמר מהגוים, צריך לבדקן יפה יפה, שמא הם תפורים בפשתן". אין אידיש: אז מ'קויפט וואלענע בגדים פון א גוי, ברויך מען עס בודק זיין זייער גוט, ווייל ס'קען זיי ס'איז ארייגענייט לען.

אמאל האט יעדער געמאכט אליינס קליידער, איז געווען אקטועל דער חילוק, ווען מ'קויפט א פארטיגן בגד ביי א גוי ברויך מען בודק זיין, און אויב א איד האט עס געמאכט אינדערהיים, אדער איז ער געגאנגען צו א היימישן שניידער, האט מען זיך געקענט פארלאזן אויף זיין נאמנות. היינט צוטאג, אבער, ווען מ'מאכט אלעס אין פאבריק, געווענליך אין כינע, דער איד איז נאר דער ריטעילער, איז אן א פראגע אז די אלע היינטיגע בגדים האבן דעם דין פון "הלוקח מן הגוי" ווייל דער גוי מאכט דאך עס, און מ'דארף חייש זיין אז דאס איז שעטנז.

## פראגע: און וואס טוט זיך ווען דער איד לאזט אליינס מאכן א פאבריקאציע אין כינע?

ענטפער: ס'העלפט נישט. אז מ'איז נישט דארט בשעת'ן אויפנייען דעם שיפמענט, איז גארנישט ווערד. העכסטנס שיקט מען אהין א בלופרינט, מאך מיר אזוי און אזוי, און פון אזעלכע פעדעמער. אויב איז מען נישט דארט האבן זיי נישט מורא און זענען נישט מקפיד. זיי נוצן וואס ס'קומט זיי אויס ביליגער, פראקטישער און בעסער.



**הרב סייאג ביי א רעגלמעסיגער אסיפה אין שפיץ פון הגאון ר' ישראל בעלסקי ז"ל ויבלחט"א הגאון רבי משולם פאלאטשעק שליט"א**

(פארזעצונג פון זייט 4)

## פראגע: ווירקט ווען מ'זאגט שטרענג אן דעם כינע פאבריקאנט וועלכע פעדעמער צו נוצן?

ענטפער: אוודאי אז נישט. מ'האמיר שוין געהאט פעלער דא אין לעיקוואד, ווען סוחרים האבן געהאט א פעסטע אפמאך מיט כינע פאבריקאנטן נישט אריינצומישן א משהו לען. מ'האט זיי אויפגעקלערט, און מזהיר געווען איבער אונזער שעטנז רעגולאציע, און ווי הארב מיר קוקן עס אן. למעשה ווען די שיפמענט איז אנגעקומען האט מען געפונען דערין 33 פראצענט לען!

מ'דארף וויסן דעם כלל. אין כינע קען מען פאבריצירן פאר אזוי ביליג, אזש די ארטיגע סוחרים זענען שטארק גאראנטירט אז מ'וועט סיי ווי צוריקקומען צו זיי, ממילא קימערט זיי גאנץ קנאפ אז מ'וועט זיי כאפן ביי א שווינדל פון נישט נוצן די אפגעשמועסטע פעדעמער.

## פראגע: און אויב זאגט ער מסיח לפי תומו וואספארא פעדעמער מ'האט גענוצט, העלפט דאס?

ענטפער: א גוי האט נישט קיין נאמנות, אפי' באופן מסיח לפני תומו. (יו"ד הל' כלאי בגדים סי' ש"ב ס"ב).

## פראגע: און אויב איז מען דארט בשעת דער פאבריקאציע?

ענטפער: העלפט אויך נישט, אויב קען מען זיך נישט אויס אין סארטן פעדעמער. זיי זענען דאך גוט באהאווענט, און זיי קענען גרינג אויסשפילן דעם בעה"ב.

די גלייכסטע איז ווען ס'פארט אראפ א משגיח וועלכער קען זיך אויס אין די ענינים, אדער דער בעה"ב זעלבסט איז באהאווענט. איך בין שוין אויך געווען עטליכע מאל אין כינע דורכצופירן אזעלכע השגחות.

## פראגע: ברויך מען דארט זיין דורכאויס דער גאנצער צייט?

ענטפער: ניין. אז מ'איז דארט איידער מ'הייבט אן, און מ'דעזיגנירט די און די פאדעם וועט מען נוצן, און נאכ'ן ענדיגן די פאבריקאציע פארט מען נאכאמאל, און מ'זעט אז דאס האט מען טאקע גענוצט, איז גוט. מ'דארף נישט מורא האבן אז ער האט דוקא געטוישט. פארשטייט זיך מ'דארף וויסן אז זיי האבן גענוג, למשל אז מ'מאכט טויזנט רעקלעך, דארפן זיי האבן בריוח פאר טויזנט רעקלעך, ווייל אויב נישט דארף איך זארגן אז ווען ער האט נישט געהאט גענוג האט ער גענומען פון אבי וואס.



הרב סייאג נעמט אנטייל ביי א שעטנז קאנפערענץ אפגעהאלטן דורך די 'קהלה' השגחה אין לאס אנדזשעלעס אין שפיץ פונעם רב המכשיר הרב טייכמאן

## פראגע: קען מען זיך נישט פארלאזן אויף דאס וואס ס'שטייט אויף די לעיבעלס?

ענטפער: ס'איז פארהאן אסאך מיס-לעיבלינג. אמאל פלעגט נאך זיין רעגירונג אינספעקטארס וועלכע פלעגן אינספעקטירן ביי די פאבריקן אכטונג צו געבן צו זיי פאלגן אויס די רעגולאציעס, אויף א שטייגער ביי עסן-פראדוצירער, וואו אינספעקטארס טוען שטרענג פארסירן, און מ'קען זיך טאקע פארלאזן אז די באשטאנדטיילן וועלכע ערשיינען אויף די עסן-שאכטלעך, זענען ריכטיג. אבער די רעגירונג האט שפעטער אנולירט די אינספעקטארן אפשטאטן ביי קליידונג פאבריקאנטן.

איך האב כסדר אז א לעיבל זאגט אויפ'ן בגד ס'איז 100 פראצענט וואל, ווען ס'שטעלט זיך ארויס אז אנדערע מינים זענען דערין געמישט, און אין געוויסע פעלער אפי' לען.

אגב, איך פלעג אמאל זאגן פאר די קליידער אריינשיקער אז כ'האב געפונען אנדערע מינים אינעם קלייד. אפי' ס'איז נישט געווען די רעדע פון שעטנז, פשוט זיי איינצומעלדן פון וואס זייערע קליידער זענען געגנייט. כ'האב עס אויפגעהערט נאכ'ן אנפרעגן ביי בעלי הוראה וועלכע האבן גע'פסק'נט אז וויבאלד ס'איז גורם א הפסד פאר די געשעפטן אייגנטומער, ווען דער לוקח וועט צוריקקומען טענה'ען אז ס'איז געווען א מקח טעות, און וויבאלד דער לוקח איז דאך ממילא צופרידן, האב איך אויפגעהערט זאגן, סיידן אז מ'בעט מיר ספעציפיש כ'זאל זאגן וואס כ'האב ערפינדן נאך דער בדיקה.

פארשטייט זיך אז כ'טרעף שעטנז זאג איך עס.

## פראגע: מיר ווייסן ביי בדיקות ביי רעקלעך, העמדער, קליידער, וכו' וכו', קען אויף שיך אויך זיין א חשש שעטנז?

ענטפער: פונקט נעכטן האט מען אריינגעשיקט קינדער שיך בודק צו זיין. ס'האט געהאט א שטיקל שטאף אינדרויסן, מיר האבן עס געפונען אלס וואל, און די שיך-בענדלעך זענען געווען פון לען! ריכטיג שעטנז דאורייתא. און דאס זענען די מצות קלות שאדם דש בעקביו...

## פראגע: קומט אויס צו האבן א דין ודברים מיט גדולי הוראה ויושבים על מדין?

ענטפער: מיר זענען אין גאר נאנטער פארבינדונג מיט די גדולי הפוסקים יושבים על מדין שליט"א. ביז נישט לאנג האמיר געהאט לצדנו הגאון המפורסם ר' ישראל בעלסקי זצ"ל, ר"י תורה ודעת, ביי וועמען מיר פלעגן אפהאלטן רעגלמעסיגע אסיפות דן צו זיין שאלות השכיחים. אויסער דעם ווערט יעדער פאר חדשים אפגעהאלטן א קביעות'דיגע אסיפה דורך אונזערע תלמידים, די חשוב'ע בודקים פון איבער ניו-יארק, אין שטוב פון הגאון המפורסם ר' משולם פאלאטשעק שליט"א אב"ד מגד יהודה, וואו מ'גייט דורך פארשידענע שאלות און פרטים בדיני שעטנז. די זעלבע האמיר אויך שטענדיגע זיצונגען בבית הגאון המפורסם ר' יחזקאל ראטה שליט"א גאב"ד קארלסבורג, ובית דינו.

אז מ'רעדט וועל איך דערמאנען די שאלה וואס כ'האב געפרעגט לעצטער יאר בכתב פון הגה"צ ר' יחזקאל ראטה שליט"א גאב"ד קארלסבורג, וועלכער האט מיר צוריקגעשיקט א שיינע תשובה.

די רעדע איז געווען איבער א פרויען "פאקעט בוק" צי דאס דארף א בדיקה משעטנז. די שאלה האט זיך באצויגן צו דער הלכה אז א כיס של מעות (געלט-טייסטער) מעג זיין פון שעטנז, ווייל מ'טוט דאס נישט אן, און אפי' ביים האלטן אין קעשענע איז דאס נישט דרך חימום, ד.ה. וויבאלד ס'ליגט דערינען הארטע חפצים, ווארעמט דאס נישט, איז עס נישט דרך לבישה (כ"ז ביו"ד סי' ש"א סי"ד). למעשה ביי א טלית-בייטל איז פארהאן א הלכה, געברענגט אין משנה ברורה (סי' כ"ח ס"ט בשם הפמ"ג), עס זאל נישט זיין פון שעטנז. מטעם זה, ווערט געברענגט אין אמרי פנחס (שער סדר היום בעניני ציצית אות ח') פון הרה"ק ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע, איז נהוג ביי מדקדקים צו נוצן בייטלעך פון הויט.

איז מיין שאלה געווען אין וואספארא קאטעגאריע דער פאקעט-בוק ווערט פאררעכנט, צי אלס טלית בייטל, מ'נוצט דאך עס נישט נאר פאר געלט און הארטע חפצים, צי אלס געלט-טייסטער, וויבאלד סוף כל סוף איז דאך עס מיוחד פאר געלט. די תשובה איז געווען להיתר.

פאָרזעצונג קומט אי"ה



הרב סייאג ביים אריבערגיין שאלות המציות מיט הגאון ר' ישראל בעלסקי ז"ל אין זיין שטוב אין פלעטבוש



הרב יואל שוחט פון בית דין לעניני שעטנז ביים דורכגיין וויכטיגע דיני שעטנז אין לשכת הבית דין מיט הרב יואל פאלאק, דער בודק ראשי אין ציריך



איינער פון די רעגלמעסיגע אסיפות אפגעהאלטן דורך די בודקים תלמידים פון בית דין לעניני שעטנז אין שטוב פון הגאון ר' משולם פאלאטשעק



הרב סייאג ביי א שעטנז קורס מיט תלמידים ובודקים אין סאוט אפריקע